Mendl Lefin Satanover (1749-1826): Koh. 1; MS Tarnopol 1819 (reprint 1930)

(מנחם מענדל לעפֿין/ סאַטאַנאָווער)

**[1]**

## **ספר קהלת שלמה**

עם פירוש קצר והעתקה חדשה בלשון אשכנז לתועלת אחינו בית ישראל

בארצות פולין.

בשנת **ה׳תקע״ט** לפ״ק

**[2]**

**א (א)** דָאָס זֶענִין דִיא וֶוערְטִיר קֹהֶלֶת׳ס דָוִידְי״ס זוּן מֶלֶךְ אוּן יְרוּשָׁלָיִם.

**(ב)** הֲבל הֲבָלִים פְּלֶעגְט קֹהֶלֶת צוּ זָאגִין, הֲבל הֲבָלִים אַלְדוּנְג אִיז הֶבֶל.

**(ג)** וָואס קוּמְט דֶעם מֶענְטְשְׁן דְרוֹיס מִיט אַלִי זַיינע הָאָרִיבַּאנִיעַ, וָואס עֶר

דֶער הָארִיבִּיט זִיךְ נָאר אוּנְטִר דֶער זוּן.

**(ד)** אֵיין דוֹר גֵייט פַּאר בַּיְיא, אוּן אַנַאַנדר דוֹר קוּמְט ווידר אוף נָאָר דיא

עֶרְד בְּלַייבְּט אַזוֹ אֵייבִּיג שְׁטֵיין.

**(ה)** גֵייט וּוִידר אוֹף דִיא זוּן, פַּאַר גֵייט ווִידר דִיא זוּן, אַלְץ וִוידר אִין אִיר

רוּא אַרַיְין, זוּא שַׁיינְט זוּא שְׁנַאַפְּט נָאר אַהִין.

**(ו)** עֶר גֵייט קֵיין דָרוֹם, אוּן דְרֵייט זִיךְ אוֹיס קֵיין צָפוֹן, אַרוּם אִין אַרוּם

גֵייט אוֹיס דֶער וִינְט, אִין אַזוֹ קוּמְט אָבִּיר אַמָאָהל אוֹיס דֶער וֵוִינְט דֶער אֵייגְנִיר.

**(ז)** אַלוּ טַיְיכִֿין גֵייעֶן אִין יַם אַרַיְין, אוּן דֶער יַם גֵייט נָאךְ אִילְץ נִישְׁט אִיבּוּר, ווִאוּהִין דִיא טַיְיכִין

**[3]**

גֵייעְן פַֿאר שְׁטֵייא דוֹרְטִין אַרוּם גֵייעְן זֵייא טַאקוּ וִוידִיר צוּרִיק.

**(ח)** אַלוּ זַאכְן מַאֲטִירְן זִיךְ נָאר עֶס קֶען קֵיין מֶענְטְשׁ גָאר נִישְׁט אַלְץ אוֹיס רֵיידְן, קֵיין אוֹג קֶעְן זִיךְ דְרָאן נִישְׁט זַאט אָן קוּקְן, אִין קֵיין אוֹעֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט גִנוּג פִֿיל אָנְהֶערְן.

**(ט)** וָואס אַמָאהל אִיז גִיוֶועזִין דָאס אֵייגֵנְע וֶועט טַאקוּ וִוידְר זַיין אוּן וָואס עֶס פְלֶעגְט זיך צוּ טָאן דָאס וֶועט זִיךְ וִוידְר אַלוּ מָאהל טוּעֶן, סִיז גָאר אִילְץ קיין נָאוִוינְע נִישְׁט אוּנְטִר דֶער זֵן.

**(י)** אָפּט מָאל וֶועט זִיךְ אַזַאךְ מִיט גֶעבִּין וָואס מִזָאגְט אָ וַואה אָ דָאס אִישׁוֹן יוֹא שְׁפָּאגִיל נַייא, סִי לֹא הָיָה סִישׁוֹן אַמָאָהל אַזוֹ אוֹךְ גִוֶועְן פַֿאר צַיְיטִנְס אֵיי מִיר זֶענִין נָאךְ אֶפְשַׁר גָאר אִי אוֹף דֶער וֶועלט גִוֶועְן.

**(יא)** עֶס גְדעֶנְקט זִיךְ שׂוֹין צוּנְד נִישְׁט אָנְדעֶם וָואס אַמאָהל פְּרִיר אִיז גְוֶוען, אָבְר אָן דִיא שְׁפֶּעטֵרִי זַאכִין וָואס וֶועלִין זִיךְ עֶרְשְׁט טוּן, וֵועט מִן נָאך שְׁפֶּעטר אוֹך אָן זֵייא פַאר גֶעסִין.

**(יב)** אִיךְ קֹהֶלת בִּין דָאס גְוֶועזִן, מֶלך אִיבּוּר דִיא יוּדִין אִין יְרוּשָׁלַים.

**(יג)** אִיךְ הָאבּ מִיר צוּם הַארְצִין גִינוּמְן נָאךְ צוּ שְׁפִּירִין אִין נָאךְ צוּ קֵלעֶרְן מִיטְן שֶׂכֶל, אִיבּוּר אַלוּמעֶן, וָואס פַּאר לוֹפְט זִיךְ נָאר אוּנְטֶרן הִימְל סִיז אוֹךְ אַשְׁלִימַאזְל הָאָטִיס [גָ]אט[1] אָנְגְגֶעבִין דיא מֶענְטְשְׁן קִינְדְר זִיךְ צוּ מָרָאטְשְׁן דֶרִיבּר.

**(יד)** חָאָבּ אֲכְטוּנְג גְגֶעבְן אוֹף אַלִי אינטֶערֶעסִיס וָואס טוּעְן זִיךְ נָאר איבּוּר אוּנְטֶער דֶער זֵן, צוּם שְׁפִּיץ אִיז אֲלדוּנְג אֲהֵבֶל אוּן אַנְאוּמְזִיסְטְר קְלָאָפּט.

**(טו)** וָואס אִישׁוֹן קַאלִי גְמַאכְט קֶעְן

**[4]**

מֶען שׁוֹן נִישְׁט פַּאַרֶעחְטְן, אין וָואס גֵייט אָפּ קֶען מֶען נִישְׁט דֶערלֵייגְן.

[1] אין כּתבֿ־יד: הָאט

**(טז)** חָאמִיר טַאקִי אַלֵיין מִיט מִיר אַמָאהל דָאס הַארְץ אַזוֹ אוֹיס גְרֶעט נָא
אָדְזשֵׁי הָאבִּיךְ מִיך שׁוֹין אִי קְלוּגֶר אִי גֶעבִיטְר גְמַאחְט מֶעהר פוּן אַלִי וָואס
הָאבִּין פַר מִיר גִירָאנְדְזִיט אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִין מַיין הַאַרְץ הָאטִיס אָנְגקוּקוּט
חָכְמָה אִין גֶעבִיט שַׁאַפְּט.

**(יז)** חָאמִיךְ אוֹיךְ דֶרוֹיף גְלֵייקְט צוּ פַר שְׁטֵיין זִיךְ אוֹיף חָכְמָה, אִין
פַארשְׁטֵיין זִיךְ אוֹיף שְׁפִּיל וַואַרְג אִין נַאַרִישְׁקֵייט, חָאב אָבְר גְוָואר
גִיוָואָרִין אַז דָאס אִיז אוֹךְ אַנְאִימְזוּסְט קָאפּ דֶרֵייאוּנִיש.

**(יח)** וָואָרִין בַּייא צוּ פִּיל חָכְמָה אִיז צוּ פִּיל שֶׁוועֶר גֶמוּט, אִין וָואס מֶעהר
פַאר שְׁטֵיין אִיז מֶעהֶר אַנְקסִין.